# און ער מאָנט

און לוי יצחק פֿון בערדיטשעוו
האָט נאָך האַלבער נאַכט געטענהט:

וואָס ווילסטו פֿון די בלינדע קינדער,
(אַ בלינד קינד איז אויך אַ קינד)
וואָס זענען זייער עלנט,
זענען ניט דעם טאַטן,
פֿאַרווײנען זייער לעבן,
טרעפֿן נישט דעם וועג?

ווּהין גייט אַ מענטש ביי נאַכט? —
צו דיר.
און טאָמער האָט ער שלעכט פֿאַרבלאָנדזשעט,
שלענדערט זיך אַהיים אַ בלאַסער,
פֿאַר וועמען שעמט ער זיך? —
פֿאַר דיר.
הייס בלוט זידט: צו דיר.
טרערן לויפֿן שנעל: צו דיר.

און דו —
אין זיבן בלויקייטן פֿאַרוויקלט,
ביים שענסטן סוף פֿון לעצטן הימל
זיצטו אַ פֿאַרעקשנטער
און וואַרטסט — אויף וואָס?
זעסטו ניט, ווי אַלע שטעט
טרויערן ביי נאַכט?
הערסטו נישט, ווי זינדיקע
פֿאַרשילטן ײַער נאַכט?
פֿילסטו נישט, ווי יעדער שטיין
פֿיבערט, רייסט זיך פֿון דעם ברוק
אַרויף, אַרויף צו דיר?
און דו
שווייגסט!
ביי וועמען ווילסטו אויספֿירן,
שטאַרקער, שטאַרקער גאָט?
וואָס רייצטו זיך מיט קראַנקע קינדער?
דו ליידסט דאָך מער פֿון זיי.
דיין אייביקייט באַקומט דיר נישט:
גיט אַ מענטש אַמאָל אַ קרעכץ,
פֿאַרשטאָפּסטו זיך די אויערן

מיט דיקע שטיקער וואָלקן
און הערסט נישט ווי די שטערן זינגען...
דיר איז ערגער, גרויסער גאָט,
און ווילסט זיך אַלץ נישט אונטערגעבן?
נו, וועט לוי איצחק פֿון בעַרדיטשעוו
מיט דיר האָבן אַ דין-תּורה:

אַז אַ ייִדן פֿאַלן אַראָפּ די תּפֿילין
הייבט ער אויף און גיט אַ קוש.
געפֿאַלן זענען דיינע קינדער,
קלוגער טאַטע, דו ווייסט פֿאַרוואָס:
דער וועג איז באַרג-אַרויף געווען,
דער וועג איז באַרג-צו-דיר געווען,
אַזאַ מהלך הייס און הויך,
אַזאַ מין ווייטקייט הויך און הייס,
פֿירן וועלדער צו דעם באַרג
צינדן זיך דיביימער אָן,
שפּריצט אַריין אַ פֿונק אין אויג,
פֿאַלט מען בלינדערהייט אַראָפּ...

און אַ פּשוט ייִדל פֿירט זיך:
אויב הייליקייטן פֿאַלן אַראָפּ,
הייבט מען אויף מיט אַ קוש.
און דו וואַרצט - אויף וואָס?
וואָס האָסטו זיך איינגעשפּאַרט?
דו ליידסט דאָך מער פֿון זיי! —

און לוי יצחק פֿון בערדיטשעוו
שטייט און טענהט נאַכט ביי נאַכט.
---------------------------------------------
דער מאָמענט, וואַרשע 1921
12 נומ. 154 , יולי 8 , ז.5